


פרשת ויקרא

ח' אדר ב' תשפ"ב

יאר 2 גליון 44

# פון אונזערע לערערינס

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי',

איך האב מורא'דיג הנאה פון דיין גוטע, דרך ארץ'דיגע אויפפירונג. דיין דאווענען איז אויך א נחת צו זעהן. דיין זיסע שיינע קול גיבט אזויפול צו צו די זינגען... האלט ווייטער אן צו מיטזינגען אזוי שיין! איך זעה ווי דו זאגסט ארויס יעדע ווארט און דו כאפסט נישט אריין קיין ווערטער. איך בין זיכער אז דער אייבערשטער האט אן אמת'ע נחת רוח.

איך האב זייער ליב צו הערן דיינע שיינע מעשיות פון תפלה. דו מאכסט אזעלכע שיינע תפילות, למשל צו נישט ווערן אויפגערעגט, אדער צו זיין פרייליך אפילו ווען עפעס גייט נישט גוט... איך האף אז דו לייגסט עס ארויף אויף די האטליין, אז נאך מיידלעך זאלן זעהן אז מ'קען זיין א נארמאלע, זיסע מיידל און לעבן מיט דער אייבערשטער!

# מזל טוב!

**ערשטע קלאס און דריטע קלאס אין שטעטל וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר זייער לערערין מרת רוטה צו איר נייע מיידל בעיבי!**

**מזל טוב פייגי טייטלבוים צו איר נייע ניכטע! מזל טוב רחל לאה רוטה צו איר נייע ניכטע!**

# נייעס אין בית פיגא

**לעצטע וואך איז פארגעקומען אן עלטערן און לערערינס צוזאמקום אין וויליאמסבורג, און ב"ה די לערערינס האבן איבערגעגעבן גאר שיינע גריסן אויף די טייערע תלמידות. די מנהלת מרת אייזנער האט אויפגעטרעטן און זי האט געזאגט א שיינע משל אז איינער וואס געבט פאר אן ארעמאן א פיש, האט ער אים געגעבן צו עסן פאר איין טאג. אבער איינער וואס לערנט אויס פאר אן ארעמאן צו כאפן פיש, האט ער אים געגעבן צו עסן פאר א גאנץ לעבן. דא אין בית פיגא לערנט מען אויס פאר די מיידלעך צו כאפן פיש, מען לערנט זיי אויס ווי אזוי זיי זאלן זיך קענען אן עצה געבן זייער גאנץ לעבן. ווי אזוי? מען לייגט אריין אין זיי תפילה, אז וואס זיי דארפן זאלן זיי בעטן די אייבערשטער, און נאכדעם נישט קיין חילוק וואס עס וועט פאסירן מיט זיי וועלן זיי אלץ האבן די עצה פון תפילה און זיי וועלן בעטן די אייבערשטער וואס זיי דארפן.**

**אלע מיידלעך פון שטעטל זענען אזוי פרייליך אויפצונעמען די נייע מיידלעך רחל און אדי וועבערמאן פון וויליאמסבורג וואס זענען געקומען וואוינען אין שטעטל!**

# מעשיות פון תפילה

איך האב געבעטן די
אייבערשטער אז איך זאל ווערן
פריילך, און ש׳כח אייבערשטער
אז איך בין זייער פריילך!

**יוטי וועבערמאן**
**קרית ברסלב**

איך האב געבעטן די
אייבערשטער אז מיין
מאמע זאל געבוירן א בעיבי
און די אייבערשטער האט
געהאלפן אז מיין מאמע
האט געבוירן א זיסע מיידל
בעיבי! ש׳כח אייבערשטער!

**חמי זעלקאוויטש**
**קרית ברסלב**

מיין קאזין האט געשיקט צו
אונזער הויז א נייע מאנטל וואס
זיי האבן נישט גענוצט, און איך
האב עס זייער שטארק געוואלט
באקומען, אבער מיינע
שוועסטערס האבן אויך געוואלט.
איך האב געבעטן די אייבערשטער
אז איך זאל עס באקומען, און
ש׳כח אייבערשטער איך האב עס
באקומען.

**דבורי אינדיג**
**וויליאמסבורג**

איך האב פארלוירן מיין פינקע
פאלדער און איך האב עס
זייער וויכטיג געדארפט האבן.
איך האב געבעטן די
אייבערשטער אז איך זאל עס
טרעפן און ש׳כח אייבערשטער
אז איך האב עס געטראפן.

**רותי מזרחי**
**קרית ברסלב**

איך האב געבעטן די
אייבערשטער אז איך זאל
זיין פריילך און ש׳כח
אייבערשטער איך בין
געווארן זייער פריילך!

**שרה מרים שפילמאן**
**וויליאמסבורג**

איך האב געבאקן קאפקעיקס און
איך האב געבעטן די אייבערשטער
אז עס זאל אויסקומען גוט, און
ש׳כח אייבערשטער אז עס איז
אויסגעקומען יאמי!

**ריקי פארקאש**
**וויליאמסבורג**

אין סקול לערנען אונז זיך
אויס ווי אזוי צו נייען א
קלייד, איך האב געבעטן די
אייבערשטער אז ס׳זאל
אויסקומען שיין און ב״ה עס
איז אויסגעקומען הערליך!

**עטי וועבערמאן**
**קרית ברסלב**

איך האב געבעטן די
אייבערשטער אז איך זאל קענען
אויפשטיין פרי און עס זאל מיך
נישט זיין שווער, און ש׳כח
אייבערשטער אז איך בין
אויפגעשטאנען פרי!

**פייגי אינדיג**
**וויליאמסבורג**

איך האב געבעטן די
אייבערשטער אז איך זאל
באקומען נייע שיך און ש׳כח
אייבערשטער אז איך האב שיינע
נייע שיך!

**שרי פריינד**
**וויליאמסבורג**

**קומענדיגע וואך אי״ה:**

## וואס העלפסטו דיין מאמע לכבוד שבת?

**ברענג אריין דיין ענטפער צו די אפיס**

# א מעשה פון א צדיק

*געשריבן דורך: פייגי טייטלבוים*

אמאל איז א פארווייטאגטע איד אריינגעקומען צו מוהרא"ש זצ"ל און זיך אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ. ער האט זייער געוויינט, "שוין אזויפיל יאר איז אריבער זינט מיין חתונה און איך האב נאכנישט זוכה געווען צו זרע של קיימא".

מוהרא"ש האט זיך פארטראכט. אינצווישן האט א משוגענער גערופן מוהרא"ש אויפן טעלעפאן. ער האט גלייך אנגעהויבן דערציילן פאר מוהרא"ש, "איר ווייסט וואס עס שטייט אין ספר המידות? אז א סגולה צו האבן קינדער איז צו האבן ביי זיך א מאגנעט. און היינט האב איך געטראפן אין עפעס א ספר אז די סגולה קען מען אפילו פארשטיין פשוט לויט די טבע, פארוואס עס העלפט צו האבן קינדער, ספעציעל אויב מען לייגט עס אונטער די בעט."

מוהרא"ש האט געבעטן דעם משוגענער איבערצוזאגן נאכאמאל וואס ער האט יעצט געזאגט, און ער האט געלייגט די טעלעפאן ביי דעם איד'ס אויער. דער משוגענער האט איבערגעזאגט "מען דארף האבן א מאגנעט, און אויך עס לייגן אונטער די בעט". דערנאך האט מוהרא"ש אראפגעלייגט און זיך אויסגעדרייט צו דער איד מיט א שמייכל, 'נו, יעצט ווייסטו שוין וואס צו טוהן?" **מען דארף פאלגן יעדע דיבור און שיחה פונעם הייליגן רבי'ן בתמימות און בפשיטות.**

פאר דער איד איז ארויס האט אים מוהרא"ש דערציילט אז ר' לוי יצחק בענדער האט אים אמאל מיטגעטיילט א חלום וואס ער האט געהאט: ער האט געזעבהן א ברסלב'ער חסיד, ר' משה גלידמאן זצ"ל, און ער האט אים געפרעגט, "וויאזוי קוקט מען אן דעם רבינ'ס זאך דארט אויף יענע וועלט?" האט ר' משה אים געענטפערט **"דא אויבן האט א האט א גאנץ אנדערע חשיבות, איינער וואס איז מקיים דעם רבינ'ס ווערטער מיט תמימות און פשיטות".**

האט מוהרא"ש אויסגעפירט צו דעם איד, "זעה צו פאלגן מיט תמימות יעדע שיחה פון די הייליגע רבי, וועסטו זוכה זיין צו דיין ישועה".

זייער אפט פלעגט טאקע מוהרא"ש מעורר זיין מענטשן צו מקיים זיין די סגולות פון די הייליגע רבי, כדי צו געהאלפן ווערן מיט קינדער. אבער ער פלעגט צולייגן, אז אלע סגולות קענען נאר העלפן אויב איז דא שלום אין שטוב. **ווייל שלום איז די כלי צו באקומען אלע ברכות.** אויב איז ח"ו נישט דא שלום, איז דא א לאך אין די כלי, און אלע ברכות רינען ארויס. און מוהרא"ש האט אמאל אנגעוואונטשן פאר א פארפאלק: "איך זאג ענק צו א זיסע אינגל בעבי, אבער נאר בתנאי אז ענק וועלן לעבן מיט שלום און ליבשאפט. אויב נישט, זאלט איר וויסן אז איך בין פטור פון מיין הבטחה..."

**טייערע מיידלעך! מיר לערנען זיך פון די מעשה צוויי וויכטיגע זאכן:**

**ערשטנס, צו פאלגן די הייליגע רבי'ס ווערטער מיט תמימות און פשיטות.**

**צווייטנס, אז אלע סגולות און ברכות קענען זיך נאר האלטן ווען עס איז דא שלום. קוקטס ווי גרויס די כח פון שלום איז! א מיידל וואס קריגט זיך נישט מיט קיינעם וועט האבן א זיסע לעבן, ווייל שלום איז די כלי פאר אלע ברכות!!**



**פיל אריין די נומערן אזוי אז עס זאל שטימען פון אלע זייטן!**

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | + | 10 | + | | + | 4 | 36 |
| - | | - | | + | | - | |
| 8 | + | | - | 16 | + | | 1 |
| + | | - | | - | | - | |
| | + | | + | 15 | - | 6 | 26 |
| - | | - | | + | | - | |
| 1 | + | | + | | - | | 1 |
| 12 | | -5 | | 25 | | -18 | |



# Recipe

## המן טאשן לכבוד פורים

**Recipe:**

5 cups flour
1 cup sugar
2 tsp vanilla sugar
2 eggs
2 egg yolks
Pinch of salt
½ cup orange juice
1 tbsp baking powder
2 sticks margarine
Jam for filling

**Directions:**

Preheat oven to 350. Combine all ingredients. Roll dough on flour, ¼ inch thick. Cut out large circles. Fill with jam and bake for 17 minutes.

**באמערקונג:**
**אין די רעצעפט פון פרשת ויקהל איז בטעות אויסגעלאזט געווארן**
**3 cups boiling water.**



**געדענק צו בעטן די אייבערשטער אז ס'זאל אויסקומען זייער גוט!**

# א שיעור
# פונעם ראש ישיבה שליט"א

**קוואל פון חיזוק 212-444-9169, דערנאך דרוקט 2-3-3 שיעור 23**



1) וועלכע פרוי איז געווען א נבואה ___________.

2) וואס דארף מען שוין בעטן פון ווען מען איז נאך קליין; "הייליגער באשעפער געב מיר א מאן וואס וועט____________."

3) וואס איז אמאליגע צייטן געווען אזוי א מאטארסייקל___________.

4) פארוואס זאל מען נישט בעטן דער אייבערשטער 'באשעפער א שידוך! באשעפער א שידוך!' _____________________.

5) ביי וועלכע מצוה זענען פרויען די גרעסטע מחותנים___________.

6) ברסלב'ע חסידים צינדן שבת ___________ לעכט.

7) מיט וועלכע קאליר זאל מען זיך נישט פארשטעלן פורים__________.

8) ווען מען רעדט צום אייבערשטן דארף עס זיין _____ , _____ .

9) פאר איינער וואס איז נישט צופרידן העלפט נישט קיין__________ .

10) שרייב איין שיינע זאך וואס דו לערנסט זיך פון די שיעור

___________________________________________________.

**די געווינער פון פרשת ויקהל**

## גאלדי בוים
**קרית ברסלב**

---

**בעזרת ה' יתברך יום ג' פרשת תצוה, ז' אדר, שנת תש"פ לפרט קטן**

**לכבוד די תלמידות פון בית פיגא ברסלב, שתחיו.**

מיר שטייען יעצט פאר דעם הייליגן יום טוב פורים, וויל איך אייך שרייבן אפאר וויכטיגע זאכן איר זאלט וויסן ווי אזוי צו מקבל זיין אזא הייליגע טאג.

טייערע בית פיגא תלמידות שתחי', גייט אנגעטון איידל און שיין און פירט אייך איידל און באשיידן; קוקט צו וואס מען איז זוכה ווען מען פירט זיך איידל, די נס פון פורים איז געקומען דורך 'אסתר המלכה' ווייל זי האט זיך געפירט זייער איידל. די הייליגע חכמים זכרונם לברכה דערציילן אונז (תרגום אסתר ב, ז): "אֶסְתֵּר הֲוּוּ קָרְיָן לָהּ", פארוואס האט מען גערופן אסתר המלכה מיט'ן נאמען 'אסתר', איר ריכטיגע נאמען איז נישט 'אסתר' זי האט געהייסן 'הדסה'? "עַל דִּי הֲוַת צְנִיעָא בְּבֵיתָא דְּמָרְדְּכַי, שַׁבְעִין וַחֲמֵשׁ שְׁנִין", ווייל זי איז געווען זייער צניעות'דיג אין שטוב פון מרדכי הצדיק, "וְלָא חֲזַת אַפֵּי גְּבַר אֱלָהֵן אַפֵּי מָרְדְּכַי", דורכאויס פינף און זיבעציג יאר האט זי נישט געקוקט אויף קיין שום פרעמדע מאן, זי האט נאר געקוקט אויף מרדכי הצדיק - דערפאר האט זי זוכה געווען אז זי האט געראטעוועט גאנץ כלל ישראל; זעט מען צו וואס מען קען זוכה זיין ווען מען פירט זיך איידל און באשיידן.

איך בעט אייך טייערע תלמידות פון בית פיגא, פורים איז זייער א הייליגע צייט, פורים קען מען פועל'ן זייער גרויסע זאכן, דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן עד): פורים איז א צייט פון זיך באנייען; ווייל ווען מען איז פרייליך קען מען זוכה זיין צו פועל'ן זייער גרויסע ישועות, זאלט איר פון יעצט זיין נאר פרייליך; יעדע זאך וואס שטערט אייך, יעדע זאך וואס באדערט אייך - זאלט איר דאס אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן. איר קענט זיך נישט פארשטעלן וואס מען קען פועל'ן דורך תפילה, תפילה איז אזוי שטארק, עס דריידט איבער די טבע.

בנוגע זיך פארשטעלן וכו'; מען דארף אכטונג געבן זיך צו פארשטעלן נאר מיט איידעלע און שיינע קליידער, פורים דארף מען ווייטער זיין צניעות'דיג, פורים איז דא דער זעלבער אייבערשטער, די זעלבע תורה. פורים דארף מען מכבד זיין טאטע מאמע אזוי ווי א גאנץ יאר. איך וואונטש אייך א פרייליכן ליסטיגן תמיד.

# מעג זיך א גרויסע מיידל פארשטעלן פורים?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט״א,

איך הער אויס אייערע שיעורים און חיזוק יומי, און דאס איז מיר זייער מחזק אין אמונה און צו רעדן צום אייבערשטן.

איך האב געוואלט פרעגן אויב ס׳איז צניעות׳דיג פאר א גרויסע מיידל (17 יאר) זיך צו פארשטעלן אום פורים, און אויב נישט אויב מ׳מעג כאטש זיך אביסל מאכן אינטערעסאנט די האר לכבוד פורים.

א גרויסן ש׳כח.



# ענטפער פונעם ראש ישיבה שליט״א

בעזרת ה׳ יתברך ערב שבת פרשת משפטים-שקלים, מברכים אדר, כ״ד שבט, שנת תשע״ח לפרט קטן

לכבוד... תחי׳,

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וויסן זאלט איר אז צניעות איז די שענסטע זאך ביי אידישע קינדער, אזוי ווי עס שטייט: ״כל כבודה בת מלך- פנימה״, דאס איז די שטאלץ פון אידישע קינדער. צו גיין אנגעטון איידל און זיך אויפירן איידל.

די הייליגע חכמינו זכרונם לברכה זאגן בזכות די צניעות פון די ערליכע אידישע טעכטער וועלן מיר ארויסגיין פון דעם ביטערן גלות.

מוהרא״ש זכרונו לברכה שרייבט זייער א שרעקעדיגע זאך אין א בריוו פאר די פרויען אין יבניאל; איך טראכט אז דאס וואס מיין ווייב איז נישט געזונט געווארן מיט די ביטערע מחלה ה׳ ירחם, קומט צו מיר ווייל איך האב נישט גענוג גערעדט און אויפגעפאדערט וועגן צניעות; זעט מען ווי שטארק מען דארף אכטונג געבן אויף צניעות.

מען דארף זייער אכטונג געבן אויף צניעות א גאנץ יאר; בפרט פורים דארף מען נאך מער אכטונג געבן, ווייל עס זענען דא מענטשן וואס זיי זוכן אויסצוניצן דעם טאג פאר נישט גוטע זאכן ה׳ ירחם. ווען מען זעט פורים אז א שיכור רעדט און לאכט מיט פרויען דארך מען וויסן אז דער איז גארנישט שיכור, דער איז א מניוול, דער איז א שגץ. א גאנץ יאר זוכט ער ווי ער קען רעדן און לאכן וכו׳, אבער ער האלט זיך צוריק ווייל ער ווייסט אז מען וועט וויסן ווער ער איז, דערפאר ווארט ער אויף פורים, ער טראכט אז דעמאלט וועט ער זיך מאכן שיכור. דערפאר דארף מען מער אכטונג געבן פורים און האלטן אפן די אויגן, ווען מען זעט א שיכור לויפט אריין צו די פרויען און מאכט זיך בא׳טעמ׳ט דארף מען פון אים שטיין זייער ווייט.

בנוגע פארשטעלן; קליינע קינדער פארשטעלן זיך, אבער גרויסע מיידלעך פארשטעלן זיך נישט. אז מען וויל דוקא קען מען מאכן די האר אויף אן אנדערע וועג וכו׳.

